איז פון דעם אמת, הערט מיין קול. זאָגט פּילאַטוס
צו אים: וואָס איז אמת?
38 און האָבנדיק דאָס געזאָגט, איז ער ווידער אַרויס־
געגאַנגען צו די יידן, און זאָגט צו זיי: איך געפין
39 נישט קיין שום שולד אין אים! עס איז אָבער אַ
מנהג ביי אייך, אַז איך זאָל אייך אָפּלאָזן איינעם
אויף פּסח; צי ווילט איר, איך זאָל אייך
40 אָפּלאָזן דעם מלך פון די יידן? און זיי האָבן
ווידער אַ געשריי געטון, אַזוי צו זאָגן: נישט דעם
דאָזיקן, נאָר בר־אַבאָן! און דער בר־אַבאָ איז
געווען אַ רויבער.

## קאַפּיטל ניינצן

1 דעמלט האָט פּילאַטוס גענומען ישוען און אים
2 געלאָזט שמייסן. און די זעלנער האָבן געפלאָכטן
אַ קרוין פון דערנער, און זי אַרויפגעזעצט אויף זיין
קאָפּ, און האָבן אים אָנגעטון אַ פּורפּור־מלבוש.
3 און זענען געקומען צו אים און געזאָגט: שלום
דיר, מלך פון די יידן! און האָבן אים געגעבן פּעטש.
4 און פּילאַטוס איז ווידער אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן
און האָט צו זיי געזאָגט: זע, איך פיר אים אַרויס
צו אייך, כדי איר זאָלט וויסן, אַז איך געפין נישט
5 קיין שום שולד אין אים. און ישוע איז אַרויסגעקומען
אינדרויסן, טראָגנדיק די דערנער קרוין און דאָס פּור־
פּור־מלבוש. און ער (פּילאַטוס) זאָגט צו זיי: זע,
6 דער מענטש! ווען די הויפּט־כהנים און זייערע משרתים
האָבן אים געזען, האָבן זיי אַ געשריי געטון, אַזוי
צו זאָגן: קרייציק אים, קרייציק אים! זאָגט פּילאַטוס
צו זיי: נעמט איר אים און קרייציקט אים, וואָרום איך
7 געפין נישט אין אים קיין שולד. האָבן די יידן אים
געענטפערט: מיר האָבן אַ תורה, און לויט דער